**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/17/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול עפנט אומזיסטע אפליקאציע פאר ציווילע סערוויס פארהער פאר מענטשן וואס זוכן צו אנהויבן קאריערעס אין געזעץ אינפארסירונג**

***אפליקאנטן קענען אפלייען [אנליין](#) צו נעמען די פארהער פריי פון אפצאל ביז אוגוסט 14***

***אומגעפער 150 אנהויבנדע געזעץ אינפארסירונג פאסטנס ביי DEC, סטעיט פארקס אפיס און SUNY ערווארטעט זיך צו עפענען אריבער די סטעיט אין לויף פון קומענדיגער יאר***

***די פארהער ווערט אויך גענוצט פאר קאנדידאטן וואס ווילן אננעמען פאסטנס אין לאקאלע פאליציי דעפארטמענטס און שעריף'ס אפיסעס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די אפליקאציע תקופה האט זיך יעצט אנגעהויבן פאר ניו יארק סטעיט'ס אנהויבנדע געזעץ אינפארסירונג פאסטנס ציווילע סערוויס פארהער. די פארהער איז פאר אינטערעסירטע, קוואליפיצירטע אפליקאנטן וואס זוכן צו אננעמען א פאסטן אריבער די עמפּייער סטעיט ביי די דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC), די אפיס פון סטעיט פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג (Office of State Parks, Recreation and Historic Preservation) און ביי די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק (State University of New York, SUNY). קוואליפיצירטע קאנדידאטן קענען [אפלייען אנליין](#) ביז 11:59 אוונט אויפן ניו יארקע זייגער אום אוגוסט 14, 2024, צו נעמען די פארהער וואס איז גערופן אין הערבסט. עס קאסט גארנישט צו נעמען די פארהער, אזוי ווי אלע סטעיט פארהער אפליקאציע באצאלונגען זענען אוועקגענומען ביז דעצעמבער פון 2025, נאכפאלגנדיג אן אפמאך וואס גאווערנער האקול האט פארזיכערט אין די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024.

"ניו יארק'ס געזעץ אינפארסירונג אפיצירן שטעלן צו די וועזנטליכע סערוויסעס וואס האלטן אונזערע סקולס, אונזערע שכנים און אונזערע קאמיוניטיס זיכער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אנגעהויבן פון היינט, קענען ניו יארקער וואס זוכן צו האבן א פאזיטיווע השפעה אפלייען פאר די אומזיסטע ציווילע סערוויס פארהער זיך צו אנשליסן אין זייערע ראנגען און פארזעצן אונזער ארבעט צו מאכן ניו יארק פאר די זיכערסטע פלאץ אין דאס לאנד."

מענטשן וועלכע זענען אינטערעסירט גענומען צו ווערן אין באטראכט פאר אנהויבנדע געזעץ אינפארסירונג פאסטנס אינערהאלב די סטעיט רעגירונג מוזן קודם נאכקומען די מינימאלע תנאים פאר די ראנג אדער ראנגען וואס אינטערעסירן זיי, און זיי דארפן זיך רעגיסטרירן פאר די ציווילע סערוויס פארהער דורכן אריינגעבן אלע פארלאנגטע אינפארמאציע ביז אוגוסט 14 [דא](#). דער פארהער, א ׳מולטיפעל טשויס׳ טעסט, וועט אנגעבאטן ווערן דורכאויס דעם הערבסט. אלע קאנדידאטן וועלכע זענען קוואליפיצירט צו נעמען דעם ניו יארק סטעיט אנהייב-גראד געזעץ-אינפארסירונג פארהער, וועלן באקומען אין אייניגער מעלדונג דורכ׳ן פאסט אומגעפער צוויי וואכן בעפאר דעם דאטום פון דעם

געשריבענעם פארהער. דער איינטריט נאטיץ וועט געבן דעם קאנדידאט די איינצלהייטן איבער ווען און וואו זיי זענען באשטימט צו ערשיינען, ווי אויך אנדערע נוגע׳דיגע אינפארמאציע. קאנדידאטן וועלן אויך באקומען אן אימעיל דערמאנונג בעפאר די פארהער.

די אנהויבנדע געזעץ אינפארסירונג פאסטנס פארהער ווערט גענוצט פאר קאנדידאטן פאר די פאלגנדע ראנגען אין יעדע אגענטור:

- DEC - ענווייראמענטאלע אפהיטונג פאליציי אפיציר טרעינירטער 1 און וואלד רעינדזשער 1
- פארקס אפיס - פארק פאליציי אפיציר טרעינירטער
- SUNY - אוניווערסיטעט פאליציי אפיציר 1

די פארהער וועט אויך גענוצט ווערן צו אויפנעמען געזעץ אינפארסירונג אפיצירן מיט קענטעניס אין אנדערע שפראכן, אריינרעכענענדיג כינעזיש, קריאול, איטאליעניש, קארעאניש, שטום שפראך, רוסיש און ספאניש. כאטש די אנליין פארהער איז אין ענגליש, וועלן די וואס מיט קענטעניס אין נאך א שפראך פארלאנגט ווערן צו אריבערגיין א שפראך קענטעניס פארהער ביי צייט ווען זיי ווערן אויפגענומען. די DCS שאצט אז אומגעפער 150 אנהויבנדע געזעץ אינפארסירונג פאסטנס וועלן אנגעפילט ווערן אריבער די סטעיט דורכאויס דעם קומענדיגן יאר.

דער פארהער וועט אויך געניצט ווערן פאר ארטיגע פארהערן אויף אנצופילן פאסטנס אין מוניציפאלע פאליציי דעפארטמענטס און שעריף אפיסעס. פאליציי אפיצירן און דעפּיוטי שעריפס קענען באדינען זייערע קאמיוניטי דורך פארשידענע אויפגאבן, ווי פאטראל, ים און טייך פאטראל, k-9 הונט איינהייטן, פארענזישע און פארשונג דעטעקטיוון, טראפיק זיכערהייט און נאך. קאנדידאטן וואס זענען אינטערעסירט צו נעמען די לאקאלע פארהערן פאר לאקאלע פאליציי דעפארטמענטס און שעריף'ס אפיסעס זאלן אפלייען דירעקט דורך זייער לאקאלע ציווילע סערוויס אגענטור. א ליסטע פון די לאקאלע אנהויבנדע געזעץ אינפארסירונג פאסטנס פארהערן וואס קומען פאר איז פארעפנטליכט דא.

**דעפּארטמענט פון ציווילע סערוויס (Department of Civil Service, DCS) קאמישאנער, טימאטי האָוגס, האט געזאגט,** "געזעץ אינפארסירונג אפיצירן האבן פון די שווערסטע אבער מערסטע סיפוק'דיגע דזשאבס אין ניו יארק סטעיט. עס איז א דזשאב וואו איר קענט האבן אן עכטע השפעה אויף די מערסטע יסודות'דיגע שטאפל, און די פאסטנס טוהען נישט נאר באשיצן ניו יארקער'ס ספעציעלע פארמעגנס און אינסטיטוציעס, נאר אויך די סאמע זאך וואס מאכט די עמפייער סטעיט אזוי געוואלדיג: אונזערע מענטשן. אין אונזער וויכטיגע אונטערנעמונג צוזאמען מיט אונזערע שותפות'דיגע אגענטורן צו רעקרוטירן מענטשן וואס טוהען פארן כלל, וואס שפיגלען אפ און ערפילן די באדערפעניש פון די עמפּייער סטעיט'ס קאמיוניטיס, מוטיג איך קוואליפיצירטע און אינטערעסירטע ניו יארקער פון פארשידנארטיגע הונטערגרונטן צו אפּלייען נאך היינט."

**SUNY טשענסעלאר דזשאן ב. קינג דזשוניאר האט געזאגט,** "SUNY'ס ערשטע און העכסטע פריאריטעט איז צו צושטעלן א זיכערע און ווארעם-אויפנעמנדע אטמאספערע פאר אונזערע סטודענטן צו בליהען, און אונזערע אוניווערסיטעט פאליציי דעפארטמענט (University Police Department, UPD) אפיצירן זענען א צענטראלע טייל פון די ארבעט. מיר מוטיגן ניו יארקער צו אפּלייען און נעמען די פארהער כדי זיי זאלן זיך קענען אנשליסן אין די ראנגען פון די UPD און ביישטייערן צו די וואוילזיין פון SUNY סטודענטן."

**דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג צייטווייליגער קאמישאנער, שאָן מאהאר, האט געזאגט,** "די DEC'ס ענווייראמענטאלע אפהיטונג פאליציי אפיצירן און וואלד רעינדזשערס דינען אויף די

פראנט ליניעס צו באשיצן ניו יארק'ס סביבה, נאטורליכע קוועלער און קאמיוניטיס, און דורך גאווערנער האקול'ס שטיצע און פירערשאפט, טוהען מיר פארגרעסערן אונזערע קרעפטן פאר די צוקונפט. איך מוטיג אלע בארעכטיגטע קאנדידאטן צו נעמען די סטעיט'ס אנהויבנדע געזעץ אינפארסירונג פאסטנס ציווילע סערוויס פארהער און זיך אנשליסן אין די גערעהרטע ראנגען פון די וואלד רעינדזשערס און ECO's אין אונזערע באמיאונגען צו היטן אויף ניו יארקער און אויף אונזער סביבה."

**ניו יארק סטעיט פארק פאליציי טשיעף, מייקעל דעדאָונע, האט געזאגט,** "די ניו יארק סטעיט פארק פאליציי איז א גאר גוט טרעינירטע, ספעציאליזירטע געזעץ אינפארסירונג דיוויזיע פון די אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג. אונזערע אקאדעמיע-טרעינירטע אפיצירן זענען פארפליכטעט צו צושטעלן אונזערע פולשטענדיגע פאליציי סערוויסעס אין שטיצע פון די אגענטור'ס מיסיע צוזאמען מיט פארזיכערן זיכערע און הנאה'דיגע פארוויילונג געלעגנהייטן פאר ניו יארק סטעיט איינוואוינער און באזיכער. די פארק פאליציי אפערירט אין א ברייטע רייע פון לאקאציעס — פון אנגעלייגטע שטאטישע געגנטער און פאפולערע ים ברעגעס ביז ריזיגע נאטורליכע פעלדער און בערגיגע שטחים. געזעץ אינפארסירונג קאריערעס זענען פול מיט סיפוק, און מיר נעמען אויף אפליקאנטן צו דינען אין די וועזנטליכע פאסטנס."

**ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפּארטמענט קאמישאנער, ראבערטאָ ריערדאן, האט געזאגט,** "יעצט איז א גאר גוטע צייט זיך צו אנשליסן אין ניו יארק סטעיט'ס ארבעטסקראפט, און איך שטיץ מיט מיין גאנצע הארץ די באמיאונגען צו אויפבויען א פילפארביגע און ארייננעמיגע געזעץ אינפארסירונג מאנשאפט וואס שפיגלט אפ אונזערע קאמיוניטיס. איך מוטיג בארעכטיגטע ניו יארקער צו אפלייען און זיין א טייל פון די וועזנטליכע ציבור'ישע ארבעט."

**דעלעווער קאונטי שעריף און פרעזידענט פון די ניו יארק סטעיט שעריפס אסאָסיעישען (New York State Sheriffs' Association), קרעג ס. דומאנד, האט געזאגט,** "מיר מוטיגן יעדן איינעם וואס איז אינטערעסירט אין א סיפוק'דיגע דזשאב זיך צו איינשרייבן פאר די פארהער. עס איז די ערשטע טריט אין ריכטונג פון וואס קען ווערן אן ערפילנדע און רעספעקטירטע קאריערע. מיר ווייסן אז די איבערוויגנדע מערהייט פון ניו יארקער שטיצן, רעספעקטירן און זענען דאנקבאר פאר די דעפיוטי שעריפס און אנדערע געזעץ אינפארסירונג אפיצירן וועלכע ארבעטן צו האלטן זייערע קאמיוניטיס זיכער: זייט א חלק פון די נאבעלע ארבעט."

**ניו יארק סטעיט אסאָסיעישען פון פאליציי טשיעפס (New York State Association of Chiefs of Police) עקזעקיוטיוו דירעקטאר און רעטייערטער גריס פאליציי טשיעף, פעטריק ד. פעלאן, האט געזאגט,** "יעצט מער פון סיי ווען בעפאר זענען מיר אין דרינגנדע נויט פאר אפליקאנטן פון א הויכע קוואליטעט פאר די פאסטן פון פאליציי אפיציר. די ניו יארק סטעיט אנהויבנדע ציווילע סערוויס פאסטנס פארהער גיבט א געלעגנהייט פאר אונזערע איינוואוינער צו אפלייען פאר די פאסטנס און נעמען די געלעגנהייט צו באדינען זייערע קאמיוניטיס און זיי העלפן האלטן זיכער. מיר האפן אז מענטשן וועלן אויסנוצן די געלעגנהייט זיך צו אנשליסן אין די נאבעלע פעלד פון געזעץ אינפארסירונג און האבן א השפעה אין אייערע קאמיוניטיס."

אלס טייל פון די עפענונג פון די אנהויבנדע געזעץ אינפארסירונג פאסטנס פארהער, וועט ניו יארק סטעיט אדווערטייזן די פארהער אריבער סאָושעל מידיע, און זי האט געמאכט ווידעאוס און א ספעציעלע וועבזייטל בלאט צו העלפן צוציהען קאנדידאטן צו אפלייען פאר די פארהער.

זעהט מער קאמפיין אינהאלט און נאך אינפארמאציע, אריינרעכנענדיג א באגלייטנדע ביכל צו אנגרייטן אפליקאנטן פאר די פארהער, און לערנט מער איבערן ארבעטן פאר ניו יארק סטעיט און איבער וויאזוי צו אונטערנעמען די קומענדיגע טריט אין ריכטונג פון א סיפוק'דיגע קאריערע אין ציבור'ישע ארבעט דורכן

באזוכן די דעפּארטמענט פון ציווילע סערוויס וועבזייטל און פּאַלאָווען די דעפּארטמענט אויף Facebook, Instagram, X און LinkedIn.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן